Goldene keit (Tel Aviv).
no. 137.
1993.
Columbia University
New York, N. Y. 10027
APR 27 1994

# די גאָלדענע קייט

## צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 137

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיב
1993

ק. צעטניק / תל־אביב

# איך קני צו דײַנע פֿיס

יאָר 1945. נאָך האַלבער נאַכט. ים־ברעג. כּפר ויתקין.

איך האָב געוווּסט אַז הײַנטיקע נאַכט דאַרף פֿעלאַ אָנקומען אויף אַ שיף צווישן אומלעגאַלע עולים. פֿעלאַ, דאַניעלאַס חבֿרטע פֿון דײַטשן „פּופּן־האַוז", האָט זיך געראַטעוועט. איך בין דער אייניציקער גואל אין דער גאַנצער וועלט, צו וועמען פֿעלאַ קאָן זיך ווענדן.

יצחק שׂדה, דער שאַפֿער פֿון פּלמ״ח און רוח־חיים פֿון דער אומלעגאַלער עליה, איז אויפֿן ים־ברעג.

פֿון ווײַטן האָב איך געקאָנט זען פֿעלאַן אין שמועס מיט יצחק שׂדה. איך האָב נישט געוווּסט וועגן וואָס זיי רעדן.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט דעם אינהאַלט פֿון זייער שמועס אויפֿן ים־ברעג פֿון כּפר ויתקין, בײַם אָנקום פֿון דער שיף. יצחק שׂדה גיט איבער דעם שמועס ווערטערלעך אין זײַן בוך מסביב למדורה, הוצאת הקיבוץ המאוחד, אונטער דעם טיטל:

## מײַן שוועסטער אויפֿן ברעג ים

פֿינצטער. אויפֿן נאַסן זאַמד שטייט מײַן שוועסטער; פֿאַרשמוצט, איר קלייד צעכראַסטעט, די האָר צעשויבערט, באָרוועסע פֿיס. איר קאָפּ געבויגן — שטייט פֿאַר מיר מײַן שוועסטער אין אַ יאָמערלעכן געוויין.
איך ווייס:
אַן אויפֿשריפֿט איז אײַנגעברענט אין איר פֿלייש: FELD-HURE.
און מײַן שוועסטער וויינט: איך האָב קיינעם נישט אויף דער וועלט... נישטאָ קיין לעבן פֿאַר מיר אויף דער וועלט... נישטאָ קיין אָרט פֿאַר מיר אויף דער וועלט... פֿאַר וואָס האָט מען מיך דאָ אַהער געבראַכט?... פֿאַר וואָס האָבן יונגע בחורים צוליב מיר מסכּן געווען זייער לעבן?
איך האַלט מײַן שוועסטער אין מײַנע אָרעמס און איך רעד צו איר:
שוועסטער טײַערע, ס'איז פֿאַראַן אַן אָרט פֿאַר דיר אויף דער וועלט; שוועסטער טײַערע, אַן איין־און־אייניציקער אָרט איז אָנגעגרייט פֿאַר דיר, דאָ! אין אונדזער לאַנד, דאָ! טײַערע שוועסטער, דאָ וועסטו לעבן, דאָ איז אונדזער האַרץ פֿול מיט איבערגעגעבענער ליבשאַפֿט צו דיר. איך




אויטענטיש בילד פֿון פֿעלאַ. איר לעבנס־געשיכטע
ווערט דערציילט אין בוך בית־הבובות פֿון ק. צעטניק

ווייס. דו ביסט געהילט אין שוואַרצקייט פֿון מחשבֿות; דו ביסט שוואַרץ פֿון נאַכט, אָבער שיין און שטראַליק ביסטו, מייַן שוועסטער; נאַכטיק־שוואַרץ ביסטו, ווייַל יסורים האָבן געפּייַניקט דייַן לייַב, אָבער זוניק איז דייַן שיינקייט, דו ביסט די שענסטע אין מייַנע אויגן; די הייליקסטע אין מייַנע אויגן.

פֿינצטער איז די נאַכט. אויפֿן נאַסן זאַמד שטייט מייַן שוועסטער; אַ פֿאַרשמוציקטע, צעכראַסטעט איר קלייד, צעשויבערט אירע האָר, באָרוועסע פֿיס און איר קאָפּ מיט בושה צו דער ערד געבויגן.

איך ווייס:

זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט מייַן שוועסטער אין אַן עקרה. יאָמערלעך איז איר געוויין: נישטאָ קיין לעבן פֿאַר מיר אויף דער דאָזיקער וועלט; און נישטאָ קיין אָרט פֿאַר מיר אויף דער דאָזיקער וועלט...

האַלט איך מייַן שוועסטער צווישן מייַנע אָרעמס, און איך רעד צו איר: דאָ, דאָ אין אונדזער לאַנד, איז אָנגעגרייט דער אָרט פֿאַר דיר; דאָ, טייַערע




אויטענטיש בילד פון פעלא

שוועסטער, דאַרפֿסטו לעבן. היינטיקע נאַכט ביסטו צו דײַן הויז געקומען. דאָ, צוזאַמען מיט אונדז, וועסטו לעבן. דו ביסט אין אונדזער האַרץ, טײַערע שוועסטער; די פֿולע מוטערלעכע צעשטראַלטקייט טראָגסטו אין זיך, אַן אומבאַגרענעצטע פֿרויען־שײנקייט איז אין דיר, אונדזער ליבשאַפֿט איז אָנגעבריית צו דיר, אַ שוועסטער וועסטו זײַן צו אונדז; אַ כּלה וועסטו זײַן צו אונדז; אַ מוטער וועסטו זײַן צו אונדז.

צו די פֿיס פֿון דער דאָזיקער שוועסטער מײַנער לאָז איך מיך אַראָפּ אויף מײַנע קני. איך בוק מײַן פּנים טיף צום שטויב פֿון אירע פֿיס. דערנאָך שטעל איך מיך צוריק אויף מײַנע פֿיס, גלײַך אויס מײַן גוף, מײַן קאָפּ הויך, שטײַף, און איך פֿיל און איך ווייס:

צוליב מײַנע דאָזיקע שוועסטער — בין איך שטאַרק!<br>
צוליב מײַנע דאָזיקע שוועסטער — וועל איך אויך זײַן אַן אַכזר!<br>
צוליב אײַך — אַלץ!

דאָס „ליטעראַטורהאַוז בערלין" האָט אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג אונטערן טיטל „אין דעם לשון פֿון די רוצחים" (In der Sprache der Mörder) — וועגן דער ליטעראַטור וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין טשערנאָוויץ, דער עיקר פֿון ייִדן, פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט ביז צום חורבן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ יאָר נאָך אַנאַנד ווערט די אויסשטעלונג געוויזן אין פֿינף שטעט: בערלין, ליטעראַטורהאַוז (מאַרץ־אַפּריל 1993); ווין, עסטרײַכישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק (אַפּריל־מײַ 1993); זאַלצבורג, ליטעראַטורהאַוז אײַצענבערגערהאָף (יוני־יולי 1993) פֿראַנקפֿורט/מײַן, ליטעראַטורהאַוז (סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1993); דיסעלדאָרף, הײַנריך הײַנע־אינסטיטוט (דעצעמבער 1993־יאַנואַר 1994).

ס'רובֿ עקספּאָנאַטן האָבן אַ שײַכות צו טשערנאָוויצער דײַטש־ייִדישע פּאָעטן, ווי עמנואל ווײַסגלאַס, ראָזע אויסלענדער, פּאַול צעלאַן, אַלפֿרעד מאַרגול־שפּערבער, אַלפֿרעד קיטנער און אַ סך אַנדערע. פֿון אַלפֿרעד מאַרגול־שפּערבערס אַרכיוו, וואָס געפֿינט זיך אין רומענישן ליטעראַטור־מוזיי, בוקאַרעשט, איז אויך אַנטליִען געוואָרן אַ היפּשער טייל פֿון די עקספּאָנאַטן אין דער אויסשטעלונג. שפּערבער דערמאָנט אין אונדזער מלך ראַוויטש, וואָס שייך די פֿאַרצווײַגטע פֿאַרבינדונגען זײַנע אין דער ליטעראַרישער וועלט און דעם קפּדנישן זאַמלען איטלעכן פּרט פֿאַרן אַרכיוו.

פֿאַר דער אויסשטעלונג האָט מען אויך אַנטליִען מאַטעריאַלן פֿון בוקאָווינע־אינסטיטוט, אויגסבורג; הײַנריך הײַנע־אינסטיטוט, דיסעלדאָרף; עסטרײַכישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, ווין, ווי אויך פֿון אַ צאָל פּריוואַטע זאַמלערס פֿון אייראָפּע און אַמעריקע.

פֿאַרטראַכט און רעאַליזירט דעם פּראָיעקט האָבן ערנסט וויכנער און הערבערט וויזנער. זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן אין בערלין אַ בוך פֿון כּמעט 300 זײַטן, אונטערן זעלביקן טיטל: In der Sprache der Mörder. דאָס בוך פֿאַרמאָגט אַ שלל מיט טעקסטן פֿון די דײַטש־שרײַבנדיקע ייִדישע פּאָעטן אין טשערנאָוויץ, זכרונות און בילדער, וואָס דערמאָנען דאָס אַמאָליקע רײַכע קולטור־לעבן דאָרטן, איידער די דײַטשן און די רומענער האָבן אַלץ חרובֿ געמאַכט.